**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט קורקלענד און קלינטאן אלץ 10 מיליאן דאלארדיגע מאוהאק וואלי געוואונער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

***דאונטאון אויפלעבונג אינוועסטירונגען זענען א קריטישע טייל פון דער סטעיטס פולשטענדיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואקסונג סטראטעגיע***;

***סטעיט וועט ארבעטן מיט איינוואוינער, קאמיוניטי פירער און פובליק בעאמטע צו אויפלעבן דאונטאון קורקלענד און קלינטאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די טאון אָוו קורקלענד און די ווילעדזש אוו קלינטאן וועלן אינאיינעם באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלץ די מאוהאק וואלי ראיאן געווינער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער (דאונטאון) אויפלעבונג איניציאטיוו ( Downtown Revitalization Initiative, DRI). פאר די 6'טע רונדע פון DRI, ווערט יעדע פון די סטעיט'ס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צוגעטיילט 10 מיליאן דאלאר, מיט א סך הכל פון 100 מיליאן דאלאר אין פארשפראכענע געלטער פון די סטעיט אין פינאנצירונג און אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס פארשטערקערן זייערע עקאנאמיעס דורכן אויפפרישן זייערע שטאטישע געגנטער צו ווערן לעבהאפטע געגנטער.

"אונזער דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו ערלויבט קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק צו אויספירן זייער חלום צו טראנספארמירן און פארבעסערן זייערע דאונטאונס פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די געלטער, וועלן קורקלענד און קלינטאן קענען הייבן זייער האָוזינג סופליי און מאדערניזירן זייער אינפראסטרוקטור בשעת'ן פארבעסערן די היסטארישע כאראקטער פון די דאונטאון געגנט."

די DRI דינט אלץ א באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי דורכן איבערמאכן שטאטישע געגנטער צו ווערן לעבהאפטיגע צענטערן פון אקטיוויטעט וועלכע ברענגען א הויכע קוואליטעט פון לעבן און ציהען צו ביזנעסער, דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. אזוי ווי די פאריגאנגענע DRI רונדן, יעדע אויסגעקליבענע קאמיוניטי וועט אנטוויקלען א סטרעטעגישן פלאן, פון אונטן-ארויף, קאמיוניטי-באזירטע פלאנירונג פראצעס וואס זאגט ארויס קלאר א וויזיע פארן אויפפרישן פון דער דאונטאון און אידנטיפיצירן א ליסטע פון כאראקטאריסטישע פראיעקטן וואס האבן טראנספארמיטיווע פאטענציאל און אויסנוצן ווייטערדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען. די דעפארטמענט אוו סטעיט וועט דעמאלט צוטיילן פאר DRI פינאנצירונג צו אויסגעקליבענע פראיעקט וואס האבן די גרעסטע פאטענציאל אויפצולעבן די אויפפרישונג און צו שטאנד ברענגען די קאמיוניטיס וויזיע.

<u>**דער ווילעדזש אָוו קלינטאן און די טאון אוו קורקלענד**</u>
די ווילעדזש אוו קלינטאן און טאון אוו קורקלענד זענען באפעסטיגט דורך א שטארקע ווילעדזש צענטער ארומגענומען מיט געשעפטן און ביזנעסער, ווי אויך א גרויסע זאמלונג פון קוואליטעט-פון-לעבן באקוועמליכקייטן אזוי ווי די קורקלענד קונסט צענטער און ווילעדזש גרין. די קאמיוניטי איז באקאנט פאר איר געטריישאפט צו האקי,

ווי באוויזן דורכן געווינען די 2018 USA קרעפט האקיוויל טיטל און איר ניי איבערגעבויטע קלינטאן ארינע. די ווילעדזש אוו קלינטאן איז אויך א היים פאר העמילטאן קאלעדזש, א נאציאנאל אנערקענטע ליבעראלע ארטס קאלעדזש וועלכע ציט צו זיך פארשידנארטיגע סטודענטן, פאקולטי און שטאב. די קאמיוניטי'ס פארגעשטעלטע DRI געגנט נעמט אריין טייל פון די ווילעדזש אוו קלינטאן און טאון אוו קורקלענד און נעמט אריין די קאמיוניטי'ס פעדעראל-באשטימטע היסטארישע דיסטריקט. דער DRI געגנט נעמט אויך אריין הויפט פראפערטיס, אזויו ווי די ווילעדזש זאל, דער קלינטאן סיידער מאל און אלטערי'ס רעסטוראנט, און פילע פון די געביידעס אין די DRI געגנט זענען צווישן 80 און 100 יאר אלט.

לעצטיגע איוועסטירונגען אין די ווילעדזש אוו קלינטאן און טאון אוו קורקלענד האבן געבערענגט דזשאב וואוקס, אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען און פארשענערונגען צו קליינע ביזנעסער און נישט-פאר-פראפיט ארגאניזאציעס. בויענדיג פון לעצטיגע אינוועסטירונגען און איר רייכע היסטאריע און אקטיווע ארטס און קולטור טראדיציעס, זוכן די קאמיוניטיס צו מאדערניזירן אינפראסטרוקטור, זיך ווייטער פארפליכטן צו ענווייראנמענטל, קלימאט און עקאנאמישע אינציאטיוון און פארשענערן פראגראמען פאר געזונטהייט, וואוילזיין און קוואליטעט פון לעבן פאר איר מער און מער פארשידנארטיגע איינוואוינער און באזוכער. קלינטאן און קורקלענד'ס פלאן פאקוסירט אויף געלעגנהייטן צו פארגרעסערן עקזיסטירנדע באנוצן אין די ווילעזש צענטער, פארמערן די לאקאלע האָוזינג סטאק, מאדערניזירן אינפראסטרוקטור און מוטיגן די באנוץ פון אונטער-באנוצטע פארסעלס.

די מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Mid-Hudson Regional Economic Development Council, MHREDC) האט דורכגעפירט א גרונטליכע און פארמעסטנדע פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן פון קאמיוניטיס איבער די גאנצע ראיאן, און זיי האבן אין באטראכט גענומען אלע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן קורקלענד און קלינטאן אלץ איינע פון די נאמינירטע:

- דאונטאון איז קאמפאקט, מיט גוט אפגעצייכנטע גרעניצן;
- דאונטאון קען אויסניצן אויף פריעריגע, אדער גורם זיין צוקונפדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען;
- לעצטע אדער קומענדיגע פאסטן געוואוקס פון אינעווייניג, אדער לעבן אזא דאונטאון וואס קען צו ציען ארבעטער, שטיצן איבער-אנטוויקלען און מאכן געוואוקס איוסהאלטעוודיג;
- דאונטאון איז אן אטראקטיווע און א וואוינארט קאמיוניטי פאר פילמיניגע באפעלקערונג;
- די מוניציפאליטעטן כאפט זיך שוין ארום, אדער האט די מעגליכקייט צו באשאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערט וואוינעוודיגקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט האט אנגעפירט אן אפענע און קרעפטיגע קאמיוניטי ארויסקומענדיג מיט א וויזיע פאר א דאונטאון אויפלעבונג מיט א פאראויסדיגע ליסטע פון פראיעקטן און איניציעטיוון;
- די מוניציפאליטעט האט דעם לאקאלע מעגליכקייט צו פירן דעם DRI פראצעס; און
- די מוניציפאליטעט האט אידנטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וואס וועלן זיין גרייט פאר קורץ-טערמיניקע דורכפיר מיט אן אינפוזיע פון DRI פינאנצירונג.

קורקלענד און קלינטאן האבן אינאיינעם באקומען צוגעטיילט 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן איר שטאטישע געגנט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס נאכפאלגנדיג די לאקאלע פלאנירונג פראצעדור. קורקלענד און קלינטאן שליסן זיך יעצט אן מיט די קאמיוניטיס פון אניאנטע, ראום, אמסטערדאם, יוטיקע, גלאווערסוויל און ליטל פאָלס, וועלכע זענען געווען די מאוהאוק וואלי'ס געווינער אין די ערשטע פינף DRI רונדעס.

קורקלענד און קלינטאן וועט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאטישע צענטער מיט ביז אזויפיל ווי 300,000 דאלאר אין פלאנירונג געלטער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די ארבעט, בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. דער

סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט פירן די אינוועסטירונג פון DRI גרענט געלטער אין ווידער-אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-פירן דער קאמיוניטי׳ס בליק פאר איר דאונטאון געגנט און קענען אויסניצן און פארברייטערן אויף דער סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר דער DRI's זעקסטע רונדע וועט פארטיג זיין אין 2023.

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "אונזער שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו איז ניו יארק'ס אייגנארטיגע צוגאנג צו לאקאלע און ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס וואס העלפן קאמיוניטיס ווערן דירעקט פארמישט אין באשליסן זייערע אייגענע צוקונפטן. דער 10 מיליאן דאלערדיגע אווארד וועט ערלויבן קורקלענד און קלינטאן צו ווידער אויפלעבן און ווידער געבן כח פאר זייערע דאונטאונס מיט א פלאן וואס איז אנטוויקלט געווארן דורך די קאמיוניטיס, פאר די קאמיוניטיס. איך קוק ארויס צו זעהן זייער ערפאלג אינעם צוקונפט!"

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ CEO, פרעזידענט און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "האקי, האמילטאן קאלעדזש און היסטאריע געבן אלע צו צו די צייטלאזע חן פון קורקלענד און קלינטאן, און די זעקסטע רונדער פון DRI געלטער וועט ווייטער צולייגן צו די לעבהאפטיגקייט פון די מאוהאק וואלי קאמיוניטיס. א לאקאל געפירטע סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט פירן פראיעקטן וועלכע מאדערניזירן געביידעס און פארברייטערן דעם געגענט'ס האָוזינג און ביזנעס פאטענציאל, ציענדיג נאך וואוקס און געלעגנהייטן."

**׳האָומס ענד קאָמיוּניטי ריניוּעל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״די 10 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין דער טאון אוו קורקלענד און די ווילעדזש אוו קלינטאן איז די לעצטע ביישפיל פון די סטעיט'ס געטריישאפט צו באשיצן די ריסאורסעס פון דאונטאון געגנטער דורכאויס ניו יארק. די געלטער וועלן שפילן א וויכטיגע ראלע אין די ווידעראויפלעבונג באמיאונגען פון די קאמיוניטיס, און העלפט פארזיכערן אז די ארבעט וואס ווערט געטון וועט בענעפיטירן צוקונפטיגע דורות.

**מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל קאָו-טשעירס לאָורענס ט. גילראָי, דער דריטער, פרעזידענט פון Gilroy, Kernan & Gilroy, Inc און דר. מעריאן טערענזיאָו, SUNY Cobleskill פרעזידענט, האבן געזאגט,** "די MVREDC שטיצט ענטוזיאסטיש די געלעגנהייטן וואס די DRI געלטער פארטרעטן פאר די טאון אוו קורקלענד און די ווילעדזש אוו קלינטאן. דער אינציאטיוו וועט העלפן בויען אויף די ספארטס, עדיוקעישאן און קולטורישע שטארקקייטן פון די קאמיוניטיס, און ווייטער פארזיכערן זייער לאנג-טערמיניגע ווידער אויפלעבונג.

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף גריפא זאגט,** "איך בין צופרידן אז די טאון אוו קורקלענד און ווילעדזש אוו קלינטאן וועלן אינאיינעם באקומען געלטער דורך די סטעיט'ס דאונטאון ווידעראויפלעבן אינציאטיוו. די אינוועסטירונג וועט פארבעסערן, ווידער אויפלעבן און שטארקןביידע קאמיוניטיס און העלפן זיי שטעלן אויפן וועג צו א שענערע צוקונפט."

אסעמבלימיטגליד ברייען מילער האט געזאגט, "איך בין גליקליך צו זען אז די ווילעדזש אוו קלינטאן און טאון אוו קורקלענד'ס געמיינזאמע אפליקאציע פאר די די ניו יארק סטעיט דאונטאון ווידעראויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), האט באקומען 10 מיליאן דאלער. די DRI געלטער וועלן שטארק ביישטייערן צו די קאמיוניטי'ס געטריישאפט צו פארבעסערן די עקאנאמישע, ענווייראנמענטל, עדיוקעישאנעל און קולטורישע קוואליטעט פון לעבן פאר אלע איינוואוינער. דער ווילעדזש אוו קלינטאן און טאון אוו קורקלענד וועלן נוצן די DRI אווארד צו אנטוויקלען א לעבהאפטיגע און דויערהאפטיגע דאונטאון עקאנאמיע, און איך באגריס די מיוניסיפאליטיס פאר זייער אנגייענדע באמיאונגען אין נאמען פון זייערע איינוואוינער צו צושטעלן די נויטיגע געלטער צו העלפן שטארקן זייער קאמיוניטי. א דאנק אייך גאווערנער קעטי האקול, און פאר אלע פארמישטע וועלכע האבן דאס ערמעגליכט.״

**טאון און קורקלענד דעפיוטי סופערוויייזער גערי קאלארוסא האט געזאגט,** "דאס איז אן אנגייענדע ארבעט\ פאר דריי יאר. דאס איז אונזער דריטע פראבע און איך בין זייער דאנקבאר פאר א גרופע מענטשן וואס האבן דאס ערמעגליכט היינט.פאר די מענטשן, שטרעק איך אויס מיין האנט און מיין הארץ. דאס איז א געוואלדיגע גרופע מענטשן וואס זענען נישט נאר אינערהאלב די טאונשיפ אדער ווילעדזש אליין. מיר האבן אן אויסגעצייכנטע קשר מיט די ווילעדזש זייענדיג כמעט ביים צענטער פונעם טאונשפי און אלע זאכן האבן דאס געמאכט זיין גאר א ספעציעלע פלאץ."

ווילעדזש און קלינטאן מעיאר עליזאבעט טענטילא האט געזאגט, "דאס איז אזא הערליכער טאג צו באקומען 10 מיליא דאלער פאר די קאמיוניטי. אלע וואס האבן געהאלפן צוגרייטן דעם טאג האבן באמת פאראייניגט דאס לאנד און די ווילעדזש אינאיינעם און מיר קוקן ארויס פאר גרויסארטיגע זאגן אין די קאמיוניטי."

**<u>וועגן דעם דאונטאון ווידער־אויפלעבונגס איניציאטיוו</u>**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפּארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע פינף יאר פון דער פראגראם האט דער סטעיט פארשפראכן $600 מיליאן צו אינוועסטירן אין 59 דאונטאונס וואס זענען מוכשר אויף ווידער־אויפבליאונג, און פארמאגן די פאטענציאל צו ווערן מאגנעטן צוציען ווידער־אנטוויקלונג, ביזנעס, דזשאבס, עקאנאמישע און וואוינונגס פארשידן־מיניגקייט, און געלעגנהייטן. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען $10 מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסירט די קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען.

מער אינפארמאציע וועגן דער DRI איז צום באקומען [דא](#).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן](#)